נומער 25

## עקזעקיוטיוו ארדער

**דערקלערנדיג אן עמערדזשענסי צושאנד כדי צו קענען באשטימען ניו דזשערזי און קאנעטיקוט פאליציי אפיצירן אלץ באן רעלסן פאליציי אפיצירן צו צושטעלן פארשטערקערטע זיכערהייט אויף פאסאנזשיר באנען, באסעס און פערי שיפן**

**אזוי ווי**, די האלידעי סעזאן איז א צייט פון א העכערע וואכזאמקייט און סכנה פון טערער אטאקעס וויבאלד טעראריסטן טראכטן געווענטליך איבער באדייטנדע, סימבאלישע טעג ווען זיי פלאנירן אטאקעס, מיט די ציהל צו אנזייען מאסן מארד און אנמאכן די מערסטע עקאנאמישע און פסיכאלאגישע שאדן וואס איז נאר מעגליך פאר די פאראייניגטע שטאטן — ווי ארויסגעוויזן אין די נאוועמבער 2010 פלאן צו באמבאדירן א בוים באלייכטונג צערעמאניע אין פארטלאנד, ארעגאן, דורך א פארשוין וואס איז געווארן אן עקסטרעמיסט דא אין לאנד; אין די דעצעמבער 2010 אטאקע אויף א מארקעטפלאץ אנגעפילט מיט האלידעי איינקויפער אין שטאקהאלם, שוועדן דורך א זעלבסטמארד באמבאדירער; דורך די דעצעמבער 2010 ארעסטן אין ענגלאנד פון 12 פערשוינען וועלכע האבן פלאנירט דורכצופירן אטאקעס דורכאויס דעם האָלידעי סעזאן; די דעצעמבער 2016 אטאקע אין בערלין וואו א טראק האט ארייגעקראכט אין א פארזאמלונג פון מענטשן וועלכע האבן זיך געפונען ביי דעם האלידעי מארקעטפלאץ נעבן דעם Kaiser Wilhelm Memorial קירכע; די 2016 נאכט קלאָב אטאקע אין איסטאנבול וואס האט געלאזט 39 מענטשן דערמארדעט דורכאויס א פייערונג פון דעם נייעם יאר אין 2016; די דעצעמבער 2017 באמבאדירונג אין א טונעל אין ניו יארק סיטי'ס פארט אויטאריטעט באס טערמינאל דורך א טעראריסט וואס איז אונטערגעהייצט געווארן דורך די איסלאמישע סטעיט אין איראק און סיריע (Islamic State in Iraq and Syria, ISIS) פראפאגאנדע קעגן די קריסטליכע האלידעיס און דורכגעפירט נאכדעם וואס דער אטאקירער האט געזען האלידעי פלאקאטן אויף די ווענט פון דעם טונעל; די אנגייענדע דראאונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן אין 2018 דורך ISIS-שטיצנדע סאָושעל מידיע באניצער רופנדיג אויף אנדערע ISIS שטיצער צו דורכפירן אטאקעס דורכאויס דעם בעפארשטייענדן האלידעי סעזאן; און די דעצעמבער 2018 שיסעריי אטאקע דורך א טעראריסט ביי א פאפולערער האלידעי מארקעטפלאץ אין שטראסבורג, פראנקרייך, וואס האט דערמארדעט 5 און פארוואונדעט נאך 11;

**אזוי ווי**, ניו יארק סטעיט איז אויסגעשטאנען טערער אטאקעס און פלאנירטע אטאקעס, אריינרעכענענדיג די באמבאדירונג פון די וועלטס האנדל צענטער אין 1993; די אטאקעס אויף די וועלטס האנדל צענטער אום סעפטעמבער 11, 2001; די פלאנירטע אטאקע אויף די ברוקלין בריק אין 2003; די פלאנירטע אטאקע אויף די פינאנציעלע צענטערן אין 2004 ציהלנדיג די ניו יארק סטעיט סטאק עקסטשעינדזש און Citigroup Center אין ניו יארק סיטי און די Prudential Plaza אין נוארק, ניו דזשערסי; די 2007 פלאנירטע אטאקע צו אויפרייסן עראפלאן גאז סופליי טאנקען און די רערן וואס גיסן זיך אריין אין די טאנקען וועלכע געפונען זיך אונטער די דזשאַן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד; די מאי 2009 פלאנירטע אטאקע צו באמבאדירן א שול אין די בראנקס און אראפשיסן מיליטער עראפלאנען ביי די סטוּארט לופטוואפע באזע פון די נעשענעל גאַרד; די דורכגעפאלענע פלאנירטע אטאקע פון פייסעל שאַזאַד אין מאי 2010; די מאי 2011 פלאנירטע אטאקע דורך אכמעד פערכאני און מוכאמאד מאמדוך צו באמבאדירן ניו יארק סיטי שולן, דורכאויס וועלכע פערכאני און מאמדוך האבן דיסקוסירט נאך ציהלן אין ניו יארק סיטי און די עמפייער סטעיט געביידע; די אקטאבער 2012 אפגעשטעלטע פרואוו דורך קוואַזי מוכאמאד רעזוואנול אכסאן נאפיס צו אויפרייסן א 1,000 פונטיגע קאר באמבע אינדרויסן פון די פעדעראלע רעזערוו באנק פון ניו יארק אין לאָוער מאנהעטען; די פלאנירטע אטאקעס דורך ראַאיס אלאם קאַזי און זיין ברודער אין נאוועמבער 2012 געציהלט אויף ניו יארק סיטי; די 2014 באשולדיגונג פון מופיד עלפגיך, א ראטשעסטער איינוואוינער וואס איז באשולדיגט געווארן צו האבן צוגעשטעלט פראקטישע שטיצע פאר ISIS; די סעפטעמבער 2016 אטאקע אין ניו יארק סיטי מיט א 'פרעשור קוקער' סטיל באמבע וואס האט פארוואונדעט איבער 30 מענטשן, אין צוגאב צו נאך אויפגעריסענע און נישט אויפגעריסענע באמבעס; די אקטאבער 2017 אטאקע אין לאָוער מאנהעטען אין וועלכע

סאיפּולאָ סאיפּאָוו איז פאַרמישט געווען, דרייוונדיג א געדינגענע Home Depot טרעקל אראפ א וועג פאר ביציקליסטן, הרג'נענדיג אכט מענטשן און פארוואונדענדיג 12; די אקטאבער 2018 פלאנירטע אטאקע דורך א מאן אין ראקלענד קאונטי צו אויפרייסן א 200 פונטיגע באמבע אויף א טאג פון וואלן; די אקטאבער 2018 פעקל באמבעס וועלכע זענען געשיקט געווארן צו עטליכע לאקאציעס אין ניו יארק, אריינרעכענענדיג די CNN הויפטקווארטיר אין NYC און א פריוואטע וואוינונג אין וועסטשעסטער; דער קווינס איינוואוינער וואס איז ארעסטירט געווארן אין יוני 2019 פארן איינקויפן הייסע געווער מיט אפגעמעקטע סעריע נומערן, פלאנירנדיג צו אטאקירן טיימס סקוועיר; דער ברוקלינער מאן וואס איז ארעסטירט געווארן אין נאוועמבער 2019 פארן אנגעבליך פארשפרייטן ISIS פראפאגאנדע און אנווייזונגען וויאזוי צו צוזאמשטעלן באמבעס אין א באמיאונג צו אונטערהעצן מענטשן צו דורכפירן געוואלדטאטן אין ניו יארק סיטי און אין אנדערע פלעצער; די מעסער שטעכעריי אטאקע דורכאויס חנוכה אין מאנסי, ניו יארק אום דעצעמבער 28, 2019; און די נאוועמבער 2022 ארעסט פון צווי מענער אין פארבינדונג צו סטראשענונגען צו אטאקירן א שול אין ניו יארק סיטי. די אלע ביישפילן דעמאנסטרירן אז טעראריסטן זעצן פאר ווייטער פארצושטעלן אן אנגייענדער דראונג צו דער סטעיט ניו יארק;

**אזוי ווי**, טראץ עס זענען נישטא קיין שום פעסטגעשטעלטע דראאונג אויף די ניו יארק סיטי מעטראפאליטען ראיאן, דאך זענען ניו יארק סיטי טראנספארטאציע סיסטעמען געציהלט געווארן עטליכע מאל דורך טעראריסטן, אריינרעכענענדיג די פריער דערמאנטע 2017 פארט אויטאריטעט באמבאדירונג; די 2016 פלאנירטע אטאקע דורך דריי מענער פלאנירנדיג צו דורכפירן באמבאדירונגען און שיסערייען אין טיימס סקוועיר און אין די סיטי'ס סאָבוועי סיסטעם דורכאויס די חודש פון ראמאדאן אין נאמען פון ISIS; די 2013 אל-קאידע-דירעקטירטע פלאנירטע אטאקע צו פאראורזאכן פאר א פאסאנזשיר באן צו אראפפארן פון די רעלסן אויפן וועג פון טאראנטא קיין ניו יארק; די זאַזי פלאנירטע אטאקע קעגן ניו יארק סיטי סאָבוועיס אין 2009; די 2008 פלאנירטע אטאקע דורך ניעל ווינעס געציהלט אויף די לאנג איילענד רעילראָוד; די 2006 פלאנירטע אטאקע צו באמבאדירן די פארט אויטאריטעט-טרענס האדסאן (Port Authority-Trans Hudson, PATH) באן טונעלן; און די 2004 פלאנירטע אטאקע צו באמבאדירן הערלד סקוועיר אין מאנהעטען. דאס צילן פון טראנספארטאציע סיסטעמען דורך טעראריסטישע גרופעס איז ווייטער דעמאנסטרירט דורך די באמבאדירונג אויף דעם סענט פעטערסבורגער מעטראָ-באן אין רוסלאנד און דער Parsons Green טוב סטאנציע אין לאנדאן, ענגלאנד אין 2017; די באמבאדירונגען ביי א לופטפעלד און מעטראָ-באן סטאנציע אין בריסל, בעלגיע אין 2016; און קאארדינירטע באמבאדירונגען לענגאויס לאנדאן'ס מאסן טראנספארטאציע סיסטעם אין 2005 און אין מאדריד אין 2004;

**אזוי ווי**, הונדערטער טויזנטער טעגליכע רייזנדע פארן צווישן די סטעיטס ניו יארק, ניו דזשערזי און קאנעטיקוט נוצנדיג מאסן טראנספארטאציע סיסטעמען וואס רעכענען אריין באנען, באסעס, און פערי שיפן וועלכע פארן צווישן די סטעיטס און זענען צוגענגליך צו די פובליק — און פארשטערקערטע געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט אויף די טראנספארטאציע מיטלען איז גאר וויכטיג צו באשיצן די פובליק זיכערהייט;

**אזוי ווי**, אום סעפטעמבער 24, 2014, אין אפרוף צו העכערע זארגן איבער טעראריסטישע אקטיוויטעטן, האבן ניו יארק סטעיט און ניו דזשערזי אפיציעל איינגעפירט א קאנטער-טעראריזם שותפות דורך א 'מעמאראנדום פון פארשטאנד' ין וועלכע די סטעיטס האבן צוגעשטימט איבער נאך זיכערהייט מאסנאמען און פראטאקאלן אין א באמיאונג צו פארשטערקערן די זיכערהייט צושטאנד פון די ראיאן פון די צווי סטעיטס;

**אזוי ווי**, ISIS און אנדערע עקסטרעמיסטישע גרופעס זעצן ווייטער פאר צו נוצן סאָושעל מידיע און רופן אויף כסדר אויף זייערע סימפאטיקער אויסצופירן אטאקעס אינערהאלב די פאראייניגטע שטאטן און אין מערב לענדער אויף סיי וועלכן אופן;

**אזוי ווי**, צום ווייניגסטנס 130 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און איבער 400 זענען פארוואונדעט געווארן אין מערערע אטאקעס וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן אין דעם זעלבן צייט אין פאריז, פראנקרייך אום נאוועמבער 13, 2015; צום ווייניגסטנס 20 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן אין א נאוועמבער 20, 2015 טעראריסטישע אטאקע אין באמאקא, מאלי; 32 מענטשן זענען געהרג'עט געווארן און איבער 300 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן נאך דריי קאארדינירטע זעלבסטמארד באמבאדירונגען אין א לופטפעלד און מעטראָ-באן סטאנציע אין בריסל, בעלגיע אום מערץ 22, 2016; 86 86 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 434 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן נאך א טעראריסטישע אטאקע אויף א 'באסטיל דעי' פייערונג אין ניס, פראנקרייך אום יולי 14, 2016; 5 5 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און נאך 50 זענען פארוואונדעט געווארן אויף דעם וועסטמינסטער בריק און אין ערטער אינדרויסן פון די פארלאמענט געביידע אין א קאר און א מעסער אטאקע אין לאנדאן, ענגלאנד אום מערץ 22, 2017; 5 5 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 14 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין א טראָק אטאקע אין שטאקהאלם, שוועדן אום אפריל 7, 2017; 8 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 48 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן דורכאויס אן אטאקע אין און ארום דעם לאנדאן בריק אין לאנדאן, ענגלאנד אום יוני 3, 2017; 16 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 152 מענטשן פארוואונדעט אין מערערע אטאקעס וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן נוצנדיג קארן, מעסערס און אויפרייס מאטעריאל אין בארצעלאנע און קאמברילס, שפאניע צווישן אויגוסט 17 און 18, 2017; 4 4 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 15 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין מערץ 2018 דורכאויס אן ISIS-אונטערגעהעצטע שיסעריי אטאקע און א משכונות געפאנג אין טרעבעס, פראנקרייך; אויטאריטעטן אין האלאנד האבן אפגעהאלטן א קאמפליצירטע קאארדינירטע אטאקע אין סעפטעמבער 2018 דורך ארעסטירן 7 מענער וועלכע האבן פלאנירט צו ציהלן אויף א מאסן פארזאמלונג מיט שיס-געווער און אויפרייס מאטעריאל; 4 מענטשן זענען געהרג'עט געווארן און 2 זענען פארוואונדעט געווארן ביי דער צענטראלע פאליציי הויפטקווארטיר אין פאריז, פראנקרייך, נאכדעם וואס א ראדיקאליזירטע טעראריסט האט זיך

ארויסגעלאזט צו דורכפירן א סעריע פון שטעכערייען אין אקטאבער 2019; און 2 מענטשן זענען דערשטאכן געווארן צום טויט און נאך 3 זענען פארוואונדעט געווארן נעבן דעם לאנדאן בריק אין נאוועמבער 2019 דורך א טעראריסט מיט א מעסער טראגנדיג א פאלשע זעלבסטמארד-אטאקע וועסטל;

**אזוי ווי**, 49 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 53 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין א טערער אטאקע אויף די Pulse נאכט קלאַב אין ארלענדא, פלארידע אום יוני 12, 2016; 13 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין א טערער אטאקע וואס איז אויסגעפירט געווארן דורך אבדול ארטאן ביי די אהייאו סטעיט אוניווערסיטעט אום נאוועמבער 28, 2016; דראאונגען זענען געמאכט געווארן אין 2016 אין פארבינדונג מיט די 90'סטע יערליכע Macy's 'טענקסגיווינג דעי' פאראד אין ניו יארק סיטי; 60 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און מער פון 800 זענען פארוואונדעט געווארן דורכאויס א מאסן שיסעריי אין לאס וועגאס אום אקטאבער 1, 2017; 26 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און 22 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין א קירכע שיסעריי אין סאַטערלענד ספרינגס, טעקסאס אום נאוועמבער 5, 2017; צוויי מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און פינף זענען פארוואונדעט געווארן אין מערץ 2018 נאך וואס עטליכע פעקל באמבעס זענען געשיקט געווארן צו ראנדאמאלע איינוואוינער פון טעקסאס; 11 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און זעקס מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין אן אנטיסעמיטישע שיסעריי אטאקע אין אקטאבער 2018 ביי די Tree of Life שול אין פיטסבורג, פענסילוועניע; 12 מענטשן זענען דערמארדעט געווארן און מער פון 15 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן אין א שיסעריי אום נאוועמבער 2018 ביי א רעסטוראנט אין טאַוזענט אָוקס, קאליפארניע; פיר מענטשן זענען געהרג'עט געווארן אין צוויי באזונדערע אטאקעס, אריינרעכענענדיג א געזעץ אינפארסירונג אפיציר אין דזשערזי סיטי, NJ אין דעצעמבער 2019; צוויי מענטשן זענען געהרג'עט געווארן און איינער איז פארוואונדעט געווארן אין צוויי באזונדערע אטאקעס אין קאליפארניע אום מאי 29 און יוני 6, 2020; אכט מענטשן זענען געהרג'ט געווארן אין מערץ 2021 נאך א שיס-געוועהר אטאקע אויף עטליכע ביזנעסער נעבן אטלאנטע, דזשארדזשיע און אין מאי 2022 זענען צען מענטשן דערמארדעט געווארן דורכאויס א מאסן שיסעריי ביי א Tops גראסערי געשעפט אין באפעלאו, ניו יארק.

**אזוי ווי**, ISIS האט ארויסגעגעבן א פראפאגאנדע ווידעאו מיט בילדער פון ניו יארק סיטי כלומפיש אונטער אטאקע;

**אזוי ווי**, פארשידענע טעראריסטישע גרופעס זעצן פאר צו מאכן דראאונגען אין א פרואוו צו ערמוטיגן מענטשן אינעם לאנד צו אויספירן טערער אטאקעס אין די פאראייניגטע שטאטן;

**אזוי ווי**, ניו יארק'ס שוועסטער סטעיטס, קאנעטיקוט און ניו דזשערזי, האבן צוגעשטימט צו ארויסשיקן פאליציי אפיצירן צו צושטעלן פארשטערקערטע סעקיוריטי אויף פאסאנזשיר באנען, באסעס און פערי שיפן וואס גייען אריין און ארויס פון ניו יארק סטעיט;

**אזוי ווי**, איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די קאנעטיקוט סטעיט פאליציי, איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט קאנעטיקוט, איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די ניו דזשערזי סטעיט פאליציי און איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט ניו דזשערזי זענען באגרעניצט אין זייער געזעץ אינפארסירונג אויטאריטעט די רגע וואס אזא סארט טראנספארטאציע-מיטל גייט אריבער די יורידישע גרעניץ צווישן קאנעטיקוט און ניו יארק אדער צווישן ניו דזשערזי און ניו יארק;

**אזוי ווי**, ניו יארק, ניו דזשערזי און קאנעטיקוט זענען אלע מיטגלידער פון די עמערדזשענסי פארוואלטונג הילף אפמאך (Emergency Management Assistance Compact, EMAC) וואס ערמעגליכט געמיינזאמע הילף און הילפס-מיטלען מיטיילונג צווישן די שוועסטער סטעיטס;

**אזוי ווי**, די EMAC ערלויבט אז עמערדזשענסי קרעפטן פון די שיקנדע סטעיט – אין די צייט וואס זיי אפערירן אינערהאלב די יורידישע גרעניצן פון די סטעיט וואס באקומט די הילף אונטער די אפמאך – זאלן האבן די זעלבע אויטאריטעטן (חוץ פון די כוח פון ארעסט, חוץ אויב עס ווערט ספעציפיש אויטאריזירט דורך די סטעיט צו וועלכע זיי ווערן געשיקט), אויפגאבן, רעכטן און פריווילעגיעס פונקט ווי די קרעפטן פון די סטעיט וואס באקומט זיי אין וועלכן זיי פירן דורך עמערדזשענסי סערוויסעס;

**אזוי ווי**, כדי צו קענען אויסנוצן די פאליצייאישע מיטלען וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך ניו יארק'ס שוועסטער סטעיטס מוז ניו יארק סטעיט באפולמעכטיגן פאליציי אפיציר אויטאריטעט, אריינרעכענענדיג די כוח צו מאכן אן ארעסט, פאר אזעלכע אפיצירן פאר די צייט אפשניט ווען זיי געפונען זיך אינערהאלב איר געאגראפישע יורידיקציע;

**אזוי ווי**, טייל 88 פון דער רעילראָוד געזעץ אויטאריזירט דעם סופעראינטענדענט פון די סטעיט פאליציי צו באשטימען סיי וועלכער מענטש אלס א באן רעלסן פאליציי אפיציר בלויז אונטער די באשטימטע אומשטענדן און מיט געוויסע באגרעניצונגען;

**אזוי ווי**, אויב אזעלכע אומשטענדן און באגרעניצונגען וואלטן ארויפגעלייגט געווארן אויף איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די קאנעטיקוט סטעיט פאליציי, איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט קאנעטיקוט, איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די ניו דזשערזי סטעיט פאליציי, און

איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט ניו דזשערזי וועלכע דינען אלץ באן רעלסן פאליציי אפיצירן פון AM12:01 אום דעצעמבער 22, 2022 ביז AM12:01 אום יאנואר 2, 2023, וואלטן זיי אפגעהאלטן, געשטערט אדער פארשפעטיגט אקציע וואס פעהלט זיך אויס זיך אפצורופן צו א טערארי אטאקע אדער א דראאונג דערפון;

**אזוי ווי**, טייל 29-a פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ אויטאריזירט דאס אפשטעלן, ענדערן און טוישן שטאטוטן, לאקאלע געזעצן, פאראָרדענונגען, אָרדערס, רולס אדער רעגולאציעס אדער טיילן דערפון אויב דאס אויספאלגן אזעלכע געזעץ סעיפים וואלט אפגעהאלטן, געשטערט אדער פארשפעטיגט אקציעס וועלכע פעהלן זיך אויס זיך צו באגיין מיט א דיזעסטער עמערדזשענסי, און אזוי אויך ערלויבט דער געזעץ צו צולייגן סיי וועלכע אנדערע טערמינען און באדינגונגען;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול**, גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע און געזעצן פון ניו יארק סטעיט, דערמיט אנערקענען אז עס קען מעגליך זיין א באלדיגע געפאר פון א קאטאסטראפע צו וועלכע באטראפענע לאקאלע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם אן הילף. דערפאר, מיט די אויטאריטעט וואס איז געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ, דעקלער איך דערמיט א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי אין קראפט פון AM12:01 אום דעצעמבער 22, 2022. די ארדער זאל בלייבן אין קראפט ביז AM12:01 אום יאנואר 2, 2023;

**ווייטער**, דורך די אויטאריטעט וואס איז געגעבן צו מיר דורך טייל 29-a פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ צו צייטווייליג אפצושטעלן און ענדערן געוויסע סעיפים פון סיי וועלכע שטאטוט, לאקאלע געזעץ, פאראָרדענונג, באפעל, רול אדער רעגולאציע – אדער טיילן דערפון – פון סיי וועלכע אגענטור אין צייט פון א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, אויב דאס אויספאלגן די סעיפים פון דעם געזעץ וואלטן פארמיטן, צוריקגעהאלטן אדער פארשפעטיגט שריט וועלכע זענען נויטיג זיך צו קענען אפגעבן מיט דעם דיזעסטער — טוה איך דערמיט צייטווייליג אפשטעלן און ענדערן – דורכאויס די צייט אפשניט פון AM12:01 אום דעצעמבער 22, 2022 ביז AM12:01 אום יאנואר 2, 2023 – די פאלגנדע געזעצן פאר די צוועק צו קענען באשטימען איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די קאנעטיקוט סטעיט פאליציי, איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט קאנעטיקוט, איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די ניו דזשערסי סטעיט פאליציי און איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט ניו דזשערסי אלץ באן רעלסן פאליציי:

- סאָב-דיוויזיע 1 פון טייל 88 פון דער רעילראָוד געזעץ – אויף וויפיל עס פארלאנגט פון פאר דעם סופעראינטענדענט פון די סטעיט פאליציי צו באשטימען באן רעלסן פאליציי אפיצירן בלויז נאכן באקומען אן אפליקאציע פון א קערפערשאפט, עקספרעס קאמפאני אדער סטים-שיף קאמפאני – ווערט געענדערט אויף ווי ווייט עס פעהלט זיך אויס צו ערלויבן די גאווערנער צו באשטימען – און איך טו דערמיט טאקע באשטימען – איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די קאנעטיקוט סטעיט פאליציי, איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט קאנעטיקוט, איינגעשוואוירענע מיטגלידער פון די ניו דזשערזי סטעיט פאליציי, און איינגעשוואוירענע פאליציי אפיצירן פון סיי וועלכע קאונטי אדער לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט ניו דזשערזי אלץ באן רעלסן פאליציי אפיצירן, און אזוי אויך ווערט דער געזעץ געענדערט אריינצורעכענען אלע באן און באס איינריכטונגען און פראפערטיס וועלכע זענען אין אייגנטום פון-, אפערירט דורך- אדער אין אחריות אדער קאנטראל פון די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי אדער אירע אונטערשטע קערפערשאפטן, די מעטראפאליטען טראנזיט אויטאריטעט (Metropolitan Transit Authority, MTA) אדער אירע אונטערשטע קערפערשאפטן, ניו דזשערזי טראנזיט אדער אירע אונטערשטע קערפערשאפטן און פערי שיפן וועלכע זענען סערטיפייד צו פירן פאסאזשירן צו און פון ניו יארק סטעיט; און
- סאָב-דיוויזיעס 2 ביז 17 פון טייל 88 פון דער רעילראָוד געזעץ, ווי ווייט עס פעהלט זיך אויס צו גיבן קראפט פאר דעם ארדער.

ארויסגעגעבן אונטער מיין האנט און
אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די
סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם
איין-און-צוואנציגסטן טאג פון
דעצעמבער, אין דעם יאר צוויי
טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער